**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט ארויס "נאציאנאלע ארבעט זאנע זיכערהייט וואך" אריבער ניו יארק סטעיט אזוי ווי קאנסטרוקציע סעזאן הויבט זיך אן**

***סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין אראנדזש דעם מיטוואך, אפריל 17 אין עהרע פון הייוועי ארבייטער אריבער ניו יארק***

***"אפעראציע שוץ הוט" און אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פראגראם צו פארגרעסערט ווערן אין די קומענדיגע וואכן אין אן אונטערנעמונג צו באשיצן הייוועי ארבייטער***

***נייע פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין צו אנגעהויבן ווערן צו ארויסהייבן וויאזוי הייוועי ארבייטער לעבן און ארבעטן אין לאקאלע קאמיוניטיס***

***ווידעאו פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפריל 15 ביז 19 וועט זיין 'ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך' אריבער ניו יארק סטעיט מיט די נאציאנאלע טעמע, "ארבעט זאנעס זענען צייטווייליג. מעשים הונטערן רעדל קענען בלייבן פאר אייביג." ( Work Zones are temporary. Actions behind the wheel can last forever.). אונטער די גאווערנער'ס באפעל וועלן די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן באלאכטן ווערן אין אראנדזש דעם מיטוואך, אפריל 17 אין עהרע פון הייוועי ארבייטער אריבער ניו יארק סטעיט. דער אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט אינפארסירונג פראגראם (Automated Work Zone Speed Enforcement) וואס ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) און די טרו-ווע אויטאריטעט וועלן פארזעצן דעם קאנסטרוקציע סעזאן, און אזוי אויך "אפעראציע שוץ הוט" ( Operation Hardhat), אין ארבעט זאנע אינפארסירונג פראגראם אויסגעפירט דורך סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. אין צוגאב וועט די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ארויסקומען מיט א פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין אויף סאָושעל מידיע צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנות וואס הייוועי ארבייטער שטייען אויס יעדן טאג אין ארבעט זאנעס. א ווידעאו איז פארעפנטליכט דא.

"ניו יארקער זענען שולדיג פאר אונזערע הייוועי ארבייטער א חוב פון הכרת הטוב פאר די ארבעט וואס זיי טוהען צו האלטן אונזערע שאסייען ארבעטן ווי עס דארף צו זיין און זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די גרינגסטע וועג וויאזוי מיר קענען זיי באדאנקען איז דורכן אריבערפארן זיכערערהייט אריבער ארבעט זאנעס און זיי גיבן גענוג פלאץ, זיכער מאכנדיג אז זיי קומען אן אהיים צו זייערע פאמיליעס יעדן טאג. איך רוף אויף אלע ניו יארקער צו אנערקענען די וויכטיגקייט פון הייוועי ארבייטער אזוי ווי מיר באצייכענען דעם ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך."

אין 2023 האט די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט געהאט 214 מאל וואס קארן זענען אומזיכערערהייט אריינגעפארן אין ארבעט זאנעס בשעת'ן בויען אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן אדער דורכפירן הייוועי אויפהאלטונג אקטיוויטעטן. אין צוגאב זענען געווען כמעט 200 עקסידענטן אין טרו-וועי ארבעט זאנעס, פירנדיג צו 37 פארוואונדעטע. די מערהייט פון עקסידענטן זענען פאראורזאכט געווארן אדער פונעם דרייווען נישט וואכזאמערהייט, פון נאכפארן אנדערע קארן צו נאענט, טוישן לעינס אומזיכערערהייט אדער זיך ערהוילן פון טראפיק ווארענונג שילדן.

"אפעראציע שוץ הוט" וועט זיך אנהויבן אין אפריל אין אן אונטערנעמונג צו אינפארסירן קארן און טראפיק געזעצן אין הייוועי ארבעט זאנעס. אונטער "אפעראציע שוץ הוט" ווערן סטעיט טרופערס אדער לאקאלע פאליציי אפיצירן אנגעטוהן ווי הייוועי אויפהאלטונג ארבייטער אין אקטיווע NYSDOT אדער טרו-וועי ארבעט זאנעס אריבער ניו יארק, כאפנדיג דרייווערס און זיי גיבנדיג טיקעטס פאר א צאל פארלעצונגען, אריינרעכנענדיג נישט אויספאלגן איינגעשטעלטע וואס ווייזן די וועג פאר טראפיק מיט פענער, אריבערפארן צו שנעל ארבעט זאנעס, נוצן סעלפאון און נישט אנהאבן די סיטבעלט און/אדער פארלעצונגען פון די סטעיט'ס "מוּאוו אָוועַר" געזעץ. אין 2023 זענען 2,919 טיקעטס פארטיילט געווארן דורך די סטעיט פאליציי און אנטיילנעמענדע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן דורכאויס 84 מיסיעס אריבער די סטעיט פאר ספּידינג, נוצן א סעלפאון, סיטע בעלטס, זיך נישט אריבעררוקן פאר אפגעשטעלטע וויהיקלס א.ד.ג. אדער פארן נישט אויספאלגן טראפיק קאנטראלירונג מיטלען, צווישן אנדערע פארלעצונגען.

דער אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט נאכפאלגונג פילאט פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך א ביל וואס איז אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ דורך גאווערנער האקול אין 2021, און א טעכנאלאגיע אויפהאלטונג פירמע פאר דעם פראגראם איז אויסגעקליבן געווארן נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. אונטער דעם פראגראם, וועלן אלע וויהיקלס וואס וועלן געכאפט ווערן פארלעצנדיג די ספּיעד לימיט אויף די שילדן אינערהאלב אן ארבעט זאנע מיט מער פון א באשטימטע מאס באקומען א טיקעט. בילדער פון דעם דרייווער אדער די אינהאלט פון די וויהיקל וועלן נישט דאקומענטירט ווערן.

קנס'ן דורך די פיילאט פראגראם ווערן ארויסגעגעבן ווי פאלגענד:

- $50 פאר די ערשטע פארלעצונג
- $75 פאר די צווייטע פארלעצונג
- $100 פאר דריטע און שפעטערדיגע פארלעצונגען אינערהאלב 18 מאנאטן פון די ערשטע פארלעצונג

אומבאצאלטע טיקעטס קענען פירן דערצו אז די וויהיקל רעגיסטראציע זאל אפגעשטעלט ווערן, דאס הייסט אז דרייווערס וועלן נישט קענען באנייען זייערע רעגיסטראציעס אן קודם באצאלן זייערע טיקעטס. אייגנטומער קענען זיך קעגנשטעלן צו א פארלעצונג אינערהאלב 30 טעג פון ווען זיי האבן באקומען מעלדונג. דער געזעץ פאדערט, 60 פראצענט פון די געלטער וואס וועט ווערן צוניפגעקליבן דורך NYSDOT און די טרו-וועי אויטאריטעט דורך די פראגראם וועט גיין צו ארבעט זאנע זיכערהייט פראיעקטן.

זינט דער פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2023, איז די כלי געלייגט געווארן צום באנוץ 2,760 מאל אין ארבעט זאנעס לענגאויס די טרו-וועי און שאסייען אונטער די קאנטראל פון די NYSDOT, פירנדיג צו מער פון 167,340 טיקעטס ווערנדיג ארויסגעשיקט צו רעגיסטרירטע קאר אייגנטימער.

**באלייכטונג פון צענטראַלע סטרוקטורן**

די צענטראלע סטרוקטורן וואס וועלן באלאכטן ווערן אין אנערקענונג פון 'Go Orange Day' (גענאנגען אראנדזש טאג) אום אפריל 17 רעכענען אריין:

- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוּקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- ניאגארא וואסערפאלן
- עמפייער סטעיט פלאזא
- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טערעזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די אינדיווידואלע מיטגלידער פון אונזער DOT מאנשאפט זענען די בלוט אין די אדערן פון אלעס וואס מיר טוהען ביי די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט, און זייער איבערגעגעבנקייט אינספּירירט מיך צו טוהן אלעס וואס איך קען זיי צו באשיצן. מיט די שטיצע פון גאווערנער האקול, האט די NYSDOT אנגענומען א רייע פון נייע פאליסיס אין די לעצטע פאר יאר צו בעסער באשיצן אונזערע ארבייטער, אבער די פובליקום וואס פארט [אויף די שאסייען] האט אויך א ראלע צו שפילן – דורכאויס דעם נאציאנאלן ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך און דורכאויס דעם גאנצן יאר – לייגט אראפ אייערע טעלעפאנען, פארט שטייטער און זייט וואכזאם, באזונדערס אין ארבעט זאנעס. לעבנס זענען בוכשטאבליך געוואנדן דערין."

**ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, האט געזאגט,** "אזוי ווי די טרו-וועי אויטאריטעט הויבט אן נאך א קאנסטרוקציע סעזאן, איז דאס וויכטיג צו געדענקן אז די מענטשן וואס ארבעטן אין ארבעט זאנעס זענען נישט בלויז ארבייטער נאר אויך פריינט, פאמיליע און שכנים. זיי זענען אלע א חלק פון אונזערע קאמיוניטיס, האפנדיג צו אנקומען אהיים זיכערערהייט ביים סוף פון זייער שיפט. ארבעט זאנעס ציהלן צו פארשטערקערן זיכערהייט און פארבעסערן די שאסיי. אייער קאאפעראציע איז קריטיש. ביטע פארט שטייטער, זייט וואכזאם אין ארבעט זאנעס און צוזאמען קענען מיר מאכן א חילוק מיטן ראטעווען לעבנס."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט, סטיווען ג. דזשעימס, האט געזאגט,** "הייוועיס זענען פון די סכנות'דיגסטע פלעצער צו ארבעטן פאר די מאנשאפט מיטגלידער וועלכע רופן זיך אפ צו עמערדזשענסיס און וועלכע האלטן אויף אונזערע שאסייען. אזוי ווי די קאנסטרוקציע סעזאן הויבט זיך אן, איז דאס גאר וויכטיג פאר דרייווערס צו היטן אויף זייער שנעלקייט, זיך אריבערררוקן פאר אפגעשטעלטע קארן און אראפלייגן זייערע עלעקטראנישע כלים ווען זיי פארן אריבער ארבעט זאנעס. די ניו יארק סטעיט

פאליציי בלייבט פארפליכטעט צו ארבעטן מיט אונזערע געזעץ אינפארסירונג שותפים צו אוועקשטעלן ארבעט זאנעס און באשיצן די וועלכע ארבעטן לענגאויס אונזערע הייוועיס און אינטערסטעיטס."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) קאמישאנער און פארזיצער פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע ( Governor's Traffic Safety Committee), מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "זומער איז א פארנומענע רייזע סעזאן אויף אונזערע שאסייען, אבער עס איז אויך די ריכטיגע צייט זיי צו פאררעכטן. איך מוטיג אלע דרייווערס צו רעספעקטירן די ארבייטער וועלכע שטרעבן צו האלטן אונזערע שאסייען אין די בעסטע צורה, צו פארן שטייטער אין ארבעט זאנעס און זיך צו זיכערערהייט אריבעררוקן די לעין ווען אימער איר טרעפט זיך אן אין א מאנשאפט וואס טוט שאסיי ארבעט."

**Associated General Contractors of New York State פרעזידענט און CEO, מייק עלמענדארף, האט געזאגט,** "דער נאציאנאלער ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך איז א צייט זיך צו אפשטעלן און זיך קאנצענטרירן אויף די וויכטיגקייט פון האלטן די מענטער און פרויען וואס ארבעטן אויף אונזערע שאסייען זיכער, אבער די מציאות איז אז דאס איז א זאך וואס מיר מוזן אלע טוהן יעדע וואך און יעדן טאג. די מענטשן וואס טוהען די אפטמאל שווערע און געפארפולע ארבעט זענען דא אונז צו האלטן זיכער, און יעדער דרייווער האט א פליכט צו טוהן דאס זעלבע פאר זיי. זיכערהייט איז די וויכטיגסטע זאך, און עס איז דא א גאר שטארקע שותפות צווישן די קאנסטרוקציע אינדוסטריע, לעיבאר יוניאנס און אונזערע רעגירונג אגענטור שותפים ווען עס קומט צו זיכערהייט. מיר קענען דאס אבער נישט טוהן אן די פובליקום. מיר דארפן אז דרייווערס זאלן בלייבן קאנצענטרירט און וואכזאם, פארן שטייטער, זיך אריבעררוקן די לעין און פארזיכטיג אויספאלגן שילדן און ארויסגעלייגטע ספיעד לימיטס. עס איז נישט צופיל צו פרעגן, און דאס טוהן וועט האלטן זיי און אונזערע ארבייטער זיכער."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די New York State Laborers' Health and Safety Trust Fund, פרענק מארקיס דזשוניאר, האט געזאגט,** "דער נאציאנאלער ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך דינט אלס דערמאנונג פאר אלע דרייווערס אז הייוועי ארבעט זאנעס זענען נאטורליך געפארפולע פלעצער צו ארבעטן. LIUNA מיטגלידער, וועלכע זענען אויך געשעצטע מיטגלידער פון זייערע קאמיוניטיס, טוהן די דזשאבס טעגליך כדי מיר זאלן קענען פארן גרינגערהייט פון און צו אונזערע באגערטע דעסטינאציעס. מיר קומען זיך דאס אלע פאר די מענער און פרויען פון די New York State Laborers צו דרייוון שטייט, זיכערערהייט און מיט אויפמערקזאמקייט אריבער זייערע ארבעט זאנעס. יעדע איינציגע מענטש אויף די דזשאב ערטער איז וויכטיג פאר איינעם. טוט אייער חלק צו זיכער מאכן אז זיי קערן זיך אום אהיים צו די וועלכע האבן זיי ליב."

**CSEA פרעזידענט, מערי ע. סאָליוען, האט געזאגט,** "אונזער יוניאן שליסט זיך אן מיט גאווערנער האקול, און אזוי אויך מיט ניו יארק סטעיט'ס טראנספארטאציע דעפארטמענט און טרו-וועי אויטאריטעט ביים אפצייכענען דעם נאציאנאלן ארבעט זאנע אויפמערקזאמקייט וואך פון אפריל 15 ביז אפריל 19. די יערליכע קאמפיין הייבט ארויס און מוטיגט די נויט צו דרייוון זיכערערהייט אריבער הייוועי און שאסיי ארבעט זאנעס. מיר דארפן זיך אלע איינהערן צו די היי-יאריגע טעמע וואס זאגט אז ארבעט זאנעס זענען נישט צייטווייליג אבער געוויסע מעשים הונטער די רעדל קענען בלייבן פאר אייביג. אונזערע יוניאן מיטגלידער שטאלצירן מיט די ארבעט וואס זיי טוהען אויף די שאסייען און הייוועי אריבער די סטעיט, אין אלע סארטן וועטער. עס איז די אחריות פון אונז אלע צו זיין פארזיכטיג און שכל'דיג ביים אריבערדרייוון קאנסטרוקציע זאנען צו זיכער מאכן אז די מענער און פרויען וואס טוהען די וועזנטליכע ארבעט בלייבן זיכער אין אלע צייטן."

**Teamsters Local 456 פרעזידענט און פרינסיפעל אפיסער, לואיס א. פיקאני, האט געזאגט,** "Teamsters Local 456 ווי ארויסהייבן די וויכטיגקייט פון דעם נאציאנאלן ארבעט זאנע

זיכערהייט וואך, און אזוי אויך די וויכטיגקייט פון פארזעצן די אויפקלערנדע קאמפיינען נאך פיל נאכדעם וואס דער זיכערהייט וואך קומט צו אן ענדע. מיר מוטיגן דרייווערס צו ערפילן זייער פליכט צו האלטן די וואס ארבעטן אין זיכערהייט זאנעס זיכער, אזוי ווי די באשלוסן וואס דרייווערס מאכן אויף די שאסייען קען ווירקן אויף די מיטגלידער פון זייערע קאמיוניטיס פאר א גאנץ לעבן."

אנערקענען און פארשטיין די שילדן נעבן א ארבעט זאון איז וויכטיג פאר די סעיפטי פון אלע דרייווער און שאסיי ארבעטער. מעינטענענס שטאב לענגאויס די סטעיט ארבעט צוזאמען מיט שנעל פארנדע טראפיק יעדן טאג, וויסנדיג אז זייערע לעבנס זענען אנגעהאנגען אויף די דרייווערס צו זיין אלערט, געדולדיג און פארזיכטיג. עס איז קריטיש וויכטיג פאר מאטאריסטן אוועקצונעמען שטערונגען, צולייגן קאפ צום דרייוון און זיך אוועקרוקן פאר ארבעטער. אזוי ווי קאנסטרוקציע סעזאן גייט ווייטער, וועלן אויפהאלטונג און ארבעט'ס מאנשאפטן ווייטער ארויסגיין אויפ'ן שאסייען צו מאכן פאררעכטונגען און פארבעסערונגען צו פארזיכערן אז שאסייען זענען זיכער פאר דרייווערס. אלע טראוועל זאל ווערן צוגעגרייט צו נידערן ספיד און צו זיין אלערט ווען דורכפארן ארבעט זאנעס.

צו לערנען מער איבער ארבעט זאנע זיכערהייט, באזוכט די סטעיט'ס ארומנעמיגע וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן